בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּראַקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פאַר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קע"ד

פרשת נח שנת תשפ"ז

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - גֶעבְּן חִיזוּק -

#### אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט

אַשְׁרֵיכֶם טַייעֶרֶע מְחַנְּכִים, וואויל און גְלִיקְלִיךְ אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הָאט דִי זְכִיָה זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי טַייעֶרֶע קִינְדֶער. אִיר לֶערְנְט מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיר רֶעדְט צוּ זֵיי וֶועגְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען, אוּן אִיר דֶערְצֵיילְט זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער; יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען זִיךְ סְפְּרַאוֶוען מִיט פְּרִישֶׁע שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן קָאמְפְּלִיקַאצִיֶעס. דָא מַאכְט זִיךְ אַ קִינְד וָואס לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּנֶעם מְחַנֵךְ, דָא מַאכְט אַ קִינְד אַ פַאקְס קֶעגְן דֶעם מְחַנֵךְ. דָא בַּאהַאלְט אַ קִינְד אַ בְּלַיי אִין זַיין אַרְבְּל אוּן שְׁרַייבְּט שְׁטִילֶערְהֵייט אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען, אוּן דָא אִיז דָא אַ קִינְד וָואס זַיין קָאפּ לוֹיפְט אִים 'גַג עַל גַג' - עֶר וִויל פָּשׁוּט אוֹיפְרֶעגְן דֶעם מְחַנֵךְ, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר זִיךְ כְּאִילוּ עֶר בַּאהַאלְט עֶפֶּעס אִין זַיין אַרְבְּל כְּדֵי מֶען זָאל אִים אַרוֹיפְרוּפְן אוּן פָארְהַאלְטְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר קֶענֶען וַוייזְן אַז עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט דָארְט, כְּדֵי דֶער מְחַנֵךְ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט וִוי אַ נַאר...

#### דִי הָארֶעוַואנְיֶע פוּן מְחַנְכוֹת

וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי שְׁוֶוערֶע הָארֶעוַואנְיֶע אוּן כֹּחוֹת וָואס דִי מְחַנְכוֹת לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אִין שׁוּלֶע!

דָאס אַלֵיין צוּ זַיין אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע אִינְדֶערְהֵיים פַארְן מַאן אוּן פַאר דִי קִינְדֶער, אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע חִידוּשׁ וִוי אַזוֹי מֶען בַּאוַוייזְט דָאס; דָא פַאלְט אַ קִינְד אַרָאפּ, דָא צֵיינְדְלְט אַ קִינְד, דָא וֵויינֶען דִי קִינְדֶער, אוּן דֶערְצוּ קוּמְט נָאךְ צוּ וֶוען אַ שָׁכֵן בֶּעט מֶען זָאל אַרַיינְנֶעמֶען זֵייעֶר קִינְד פַאר אַפָּאר שָׁעָה.

עֶס אִיז מַמָשׁ אַ וואוּנְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען קוּמְט אָן יֶעדְן טָאג אוֹיפְצוּרוּמֶען דָאס הוֹיז, וַואשְׁן דִי וֶועשׁ, בִּיגְלֶען אוּן צוּזַאמְלֵייגְן דִי וֶועשׁ, אָנְגְרֵייטְן אַ פֵיינֶע וַוארֶעמֶע נַאכְטְמָאל, אוּן נָאךְ אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם מַאן מִיט אַ שְׁמֵייכְל. אַזוֹי אוֹיךְ אַרְבֶּעט מֶען שְׁוֶוער אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת: חַלוֹת, פִישׁ, זוּפּ מִיט לָאקְשְׁן (אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס מַאכְן נָאךְ אוֹיךְ קְנֵיידְלֶעךְ), פְלֵייש, קוּגְל, פֶערְפְל אוּן טְשָׁאלְנְט. יֶעדֶע זַאךְ פַאר זִיךְ אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע דֶערְגְרַייכוּנְג וָואס אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע בַּאוַוייזְט צוּ טוּן.

דָאס אַלֶעס אִיז דָאךְ נָאר וֶוען זִי אִיז בְּלוֹיז אַ 'אִידִישֶׁע מַאמֶע' אִינְדֶערְהֵיים פַאר דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה; יֶעצְט, אַז זִי נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד, אַנְשְׁטָאט אוֹיסְצוּנִיצְן דָאס בִּיסְל פְרַייעֶ צַייט זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּצוּרוּעֶן, אוּן זִי גֶעבְּט אַוֶועק אִירֶע טַייעֶרֶע שָׁעוֹת צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ מוֹסָד, וֶוערְט דָאךְ דִי וואוּנְדֶער פִיל גְרֶעסֶער: 'וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס טַאקֶע?' אַזַא מֶענְטְשׁ מוּז דָאךְ זַיין עֶפֶּעס מַמָשׁ אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיךְ אוּן סְפֶּעצִיעֶל.

#### דֶער סִיפּוּק סוֹף יָאר

אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט צוּרִיק סוֹף יָאר אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעטוּן דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יָאר, שְׁפִּירְט מֶען גָאר אַ שְׁטַארְקֶע סִיפּוּק אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעאַרְבֶּעט אִין אַ מוֹסָד. מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ: 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חֵלֶק אִין בּוֹיעֶן אִידִישְׁקֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט'.

עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז אַ יָאר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, אוּן בַּיים סוֹף זָאל מֶען זִיךְ אַלֵיין פְרֶעגְן מִיט וֵוייטָאג: 'וָואס הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן דָאס יָאר? פַאר וֶועמֶען הָאבּ אִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט?!' דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יוּנְגֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אוּן אַרְבֶּעטְן נִישְׁט אִין קַיין מוֹסָד; זֵיי וֶועלְן זִיךְ פְרֶעגְן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן דָאס יָאר? וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט פוּן דֶעם וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ חַבֶרְ'טֶע אִינְדֶערְהֵיים אוּן סְתַּם גֶעשְׁמוּעֶסְט שָׁעוֹת לַאנְג? וָואס הָאבּ אִיךְ פַארְדִינְט פוּן דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן לַאנְגֶע שָׁעוֹת אַרוּמְצוּגֵיין אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ' אוּן זוּכְן וָואס נָאךְ צוּ קוֹיפְן?!'

#### אַ חֵלֶק אִין אַלֶע זְכוּתִים

יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס הָאט דִי זְכִיָה צוּ אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד - אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען פַארְנֶעמְט נִישְׁט קַיין פָּאסְטְן צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער פַּרְשָׁה אָדֶער הֲלָכוֹת, נָאר מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי שְׁרַייבְּן, רֶעכֶענֶען, אוּן אַנְדֶערֶע לִימוּדֵי חוֹל - הָאט אַ גְלַייכֶע חֵלֶק אִין אַלֶע זְכוּתִים וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּנֶעם גַאנְצְן מוֹסָד.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער אַרְבֶּעטֶער אִינֶעם מוֹסָד אַ גְלַייכֶע חֵלֶק אִין אַלֶע זְכוּתִים וָואס וֶוערְן גֶעשַׁאפְן דוּרְךְ דִי

רַבָּנִים, רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת אוּן מַשְׁפִּיעִים, וָואס שְׁרַייבְּן סְפָרִים, לֶערְנֶען פָּאר שִׁיעוּרִים אוּן זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מֶענְטְשְׁן. ווייל כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט זֵייעֶרֶע פְּעוּלּוֹת, מוּזְן זַיין גֶעטְרֵייעֶ מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג. אוֹיבּ וָואלְט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוָוען דָארְט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, וָואלְטְן זֵיי דָאס אַלֵיין גֶעדַארְפְט טוּן, אוּן זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען אוֹיסְצוּפִירְן זֵייעֶרֶע אַלֶע הֵיילִיגֶע פְּעוּלּוֹת.

מֶען זֶעט אַז דִי רֶעגִירוּנְג צָאלְט אַ פֶּענְסְיֶע פַאר אַלֶע אִירֶע אַרְבֶּעטֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיסְלֶעבְּן זֵייעֶרֶע יָארְן מִיט כָּבוֹד. זֵיי מַאכְן נִישְׁט קֵיין חִילּוּק צְווִישְׁן דִי סָאלְדַאטְן וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען מִיט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט אוֹיפְן שְׁלַאכְטְפֶעלְד, אוּן דִי וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי מִילִיטֶערִישֶׁע קָאךְ אוּן צוּגֶעגְרֵייט עֶסְן פַאר דִי גַאנְצֶע אַרְמֵיי. ווייל אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע פְּאזְל; כְּדֵי דִי סָאלְדַאטְן זָאלְן קֶענֶען מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן דֶעם שׂוֹנֵא, מוּזְן זַיין אַנְדֶערֶע וָואס זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵייעֶרֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן. אוֹיבּ דִי סָאלְדַאטְן וָואלְטְן זִיךְ אַלֵיין גֶעדַארְפְט זָארְגְן צוּ קָאכְן אוּן בְּרֶענְגֶען עֶסְן, וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט פִירְן דִי מִלְחָמָה גֶעהֶערִיג.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס הֶעלְפְט אַרוֹיס אִין אַ מוֹסָד, עֶר אִיז אַ חֵלֶק פוּנֶעם גַאנְצְן קֵייט, וָואס אַלֶע אִינְאֵיינֶעם בְּרֶענְגֶען אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי וֶועלְט.

## זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיפְן מַצָּב

שְׁטַארְקְט אֵייךְ אִין אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט! קוּמְט אַרַיין צוּ דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבְּט זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער; מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וָואס אַ גוּט וָוארְט טוּט אַלְץ אוֹיף.

עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וּבִפְרַט בַּיי פְּרוּוֶען אִין סְפֶּעצְיֶעלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, אַז מֶען זָאל שְׁפִּירְן אִינְדֶערְפְרִי בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט; דִי קָאפּ טוּט ווֵיי, עֶס שְׁווינְדְלְט אַבִּיסֶל, מֶען אִיז פַארְאִיבְּלְט אָדֶער נִישְׁט אִין אַ גוּטֶע שְׁטִימוּנְג, אוּן מֶען טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ גֵיי אָנְרוּפְן דִי מְנַהֶלֶת זָאגְן אַז אִיךְ פִיל זִיךְ הַיינְט נִישְׁט גוּט אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּמֶען אַרְבֶּעטְן, מֶען זָאל רוּפְן אַ 'בִּמְקוֹם' [אַ צְוֵויייטֶע לֶערֶערִין וָואס נֶעמְט אִיבֶּער דִי כִּתָּה פַאר אֵיין טָאג] וָואס זָאל מִיךְ אִיבֶּערְנֶעמֶען'.

עֶס אִיז טַאקֶע דִי גְרִינְגְסְטֶע זַאךְ צוּ בַּאשְׁלִיסְן אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט הַיינְט אִין חֵדֶר אָדֶער אִין שׁוּלֶע, אָבֶּער מֶען דַארְף אַרַיינְטְרַאכְטְן: 'וָואס וֶועט גֶעשֶׁען אוֹיבּ אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים? דָארְט וֶועט מִיר שׁוֹין נִישְׁט שְׁווינְדְלֶען? דָארְט גֵייט מִיר אוֹיפְהֶערְן צוּ אִיבְּלֶען? נֵיין!' אוֹיבּ אַזוֹי, אִיז עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיפְן מַצָּב, אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן בֶּעט, זִיךְ אַרוּמְוַואשְׁן, פְּרוּבִּירְן זִיךְ אוֹיפְצוּפְרִישְׁן, אוּן גֵיין צוּ דִי קִינְדֶער מִיטְן פְּלַאן אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט טַאקֶע זֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין אִין כִּתָּה - וֶועט מֶען דֶעמָאלְט אַהֵיימְגֵיין.

דָאס זֶעלְבֶּע קֶען זִיךְ מַאכְן פְּרֵייטָאג בַּיי לֶערֶערִינְס; מֶען טְרַאכְט: 'עֶס אִיז דָאךְ דָא נָאר צְוֵויי שָׁעָה צוּ לֶערְנֶען, פַארְוָואס זָאל אִיךְ זִיךְ אַזוֹי אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין שׁוּלֶע הַיינְט?' אָבֶּער מֶען דַארְף אַרַיינְטְרַאכְטְן: 'וָואס וֶועט זַיין אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּלֶע? וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אִין בֶּעט בִּיז דִי קִינְדֶער וֶועלְן אַהֵיימְקוּמֶען פוּן חֵדֶר אוּן פוּן שׁוּלֶע...' דֶערִיבֶּער אִיז בֶּעסֶער זִיךְ יָא צוּ שְׁטַארְקְן, אַרוֹיסְצוּקוּמֶען פוּן בֶּעט אוּן אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיטְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

## וֶוערְן מְחוּזָּק דוּרְךְ מְחַזֵּק זַיין

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גִיבְּט אַן עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַארְף חִיזּוּק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קו): עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע עֵצָה צוּ וֶוערְן אַלֵיין מְחוּזָּק דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַזֵּק אַ צְוֵויייטְן. אַ מֶענְטְשׁ קֶען דָאךְ נִישְׁט אַרַיינְזָאגְן קֵיין חִיזּוּק אִין דִי אֵייגֶענֶע אוֹיעֶרְן, דֶערִיבֶּער זָאל עֶר מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵויייטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר אַלֵיין וֶוערְן מְחוּזָּק.

אֲפִילּוּ אוֹיבּ דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין יֶענֶעמְ'ס אוֹיעֶרְן, וֶועט דָאס אָבֶּער צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים אַלֵיין; עֶס וֶועט וֶוערְן אַן אוֹר חוֹזֵר, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפד) אַז וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ צְוֵויייטְן דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת וֶוערְט אַן אוֹר יָשָׁר אוּן אַן אוֹר חוֹזֵר, דָאס מֵיינְט, אֲפִילּוּ אוֹיבּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין יֶענֶעמְ'ס אוֹיעֶרְן, וֶוערְט דָאךְ אַן אוֹר חוֹזֵר אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין וֶוערְט שְׁטַארְק מְחוּזָּק.

אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען בַּיי מִיר, וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער יְשִׁיבָה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב". אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט אַרִיבֶּער גָאר שְׁווֶערֶע צַייטְן מִיט מַחֲלֹקֶת אוּן רְדִיפוֹת וְכוּ', אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, הָאבּ אִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קֵיין שׁוּם וֵויטָאג; אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן 'בֵּין הַזְּמַנִּים' אוּן דִי יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אִינְדֶערְהֵיים, אִיז מִיר פְּלוּצְלִינְג שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן. הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס פֶעלְט מִיר הִתְחַזְּקוּת, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע; אִיךְ הָאבּ אַרִיבֶּערְגֶערוּפְן עֶטְלִיכֶע בָּחוּרִים צוּ מִיר אַהֵיים אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי דֶעם סֵפֶר 'סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת' מִיט דִי חִיזּוּק פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז מִיר אַלֵיין צוּרִיק גוּט גֶעוָוארְן.

דָאס אִיז נוֹגֵעַ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין גַאס אוּן מֶען גֵייט אַדוּרְךְ אַ צְוֵויייטְן; עֶס אִיז מַעֲשִׂים בְּכָל יוֹם אַז בֵּיידֶע מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט קֶעגְן אִים, אָבֶּער מִן הַסְתָּם דַארְף עֶר נִישְׁט מַיין **"גוּט מָארְגְן"**, עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, עֶר הַאלְט זִיךְ הֶעכֶער פוּן מִיר'. אָבֶּער ווִי נָאר אֵיינֶער רוּפְט זִיךְ אָן: **"גוּט מָארְגְן"**, צֶעפַאלְט גְלַייךְ יֶענֶעמְ'ס גַאנְצֶע דְמְיוֹן; עֶר זֶעט ווִי שֵׁיין יֶענֶער גְרִיסְט אִים אוּן ווִי גֶעשְׁמַאק דָאס שְׁפִּירְט זִיךְ, אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט גְלַייךְ צוּרִיק: **"אָה, גוּט מָארְגְן, אַ גוּט יָאר! וָואס מַאכְסְטוּ?"**

דֶערְפַאר, אַנְשְׁטָאט צוּ וַוארְטְן אַז יֶענֶער זָאל דִיר זָאגְן: **"גוּט מָארְגְן"**, הֵייבּ דוּ אָן אוּן גְרוּס יֶענֶעם עֶרְשְׁט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: **"גוּט מָארְגְן"**. דָאס אַלֵיין וָואס דוּ וֶועסְט יֶענֶעם אוֹיפְלֶעבְּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל - וֶועט דִיר מַאכְן פִילְן גוּט אוֹיפְן הַארְץ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵּק אַ צְוֵויייטְן, וֶוערְט מֶען אַלֵיין מְחוּזָּק.

דִי עֵצָה קֶען אוֹיךְ שְׁטַארְק הֶעלְפְן וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן מֶען פִילְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט. דָאס אַלֵיין וָואס מֶען קוּמְט אַרַיין צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי, מֶען אִיז זֵיי מְחַזֵּק אוּן מֶען זָאגְט זֵיי

פֿונעם ראש ישיבה שליט"א

א גוט וואָרט, וועט העלפֿן אַז מען זאָל זיך אָנהייבן פֿילן גוט, ביז מען וועט שוין אפֿילו פֿאַרגעסן אַז פֿריער האָט מען זיך נישט גוט געפֿילט.

דאָס איז אויסער דעם וואָס עס קען געשען פֿון בלייבן איינגעשפּאַרט אינדערהיים, אָן גריסן אַ צווייטן אָדער רעדן צו אַ מענטש, אַז מען זאָל אַריינפֿאַלן אין אַ קטנות הדעת; אַוודאי קען מען טאַקע רעדן צום אייבערשטן, אָבער דאָך פֿעלט זיך אויס זיך צו טרעפֿן מיט אַנדערע מענטשן.

### ישועות בזכות די הייליגע אַרבעט

ווער עס אַרבעט מיט אידישע קינדער באַקומט אַ גרויסע שׂכר פֿונעם אייבערשטן. בפֿרט ווען מען האָט די זכיה צו אַרבעטן אין אַ מוסד פֿונעם הייליגן רבי'ן, איז דאָך זיכער אַז דער רבי וועט צופֿרידנשטעלן מיט נחת ביי די אייגענע קינדער און מיט פֿילע אַנדערע ישועות.

אַז מען טוט פֿאַרן רבי'ן, מען איז משמש דעם רבי'ן, שפּאַרט מען זיך איין גאָר אַסאַך פֿראַבלעמען אין לעבן. ווי די הייליגע חכמים דערציילן אַ מעשה (עירובין נד.): עס איז געווען אַ תלמיד פֿונעם הייליגן תּנא רבי אליעזר וואָס האָט געטון אַן עבירה, און עס איז אַרויס אויף אים אַ גזירה אַז ער איז חייב מיתה און ער דאַרף פֿאַרברענט ווערן השם ישמרינו, מען האָט אָבער געזאָגט אין הימל מען זאָל אים גאָרנישט טון, בזכות וואָס ער באַדינט זיין הייליגן רבי'ן. דער רבי ברענגט עס אויך אַראָפּ אין ספר המדות (אות צדיק חלק א', סימן מ): "**בזכות שימוש אדם גדול, אדם נצול ממיתה**" - אינעם זכות פֿון משמש זיין אַ צדיק - ווערט מען געראַטעוועט פֿון טויט.

וואויל זענען די מחנכים וואָס שטאַרקן זיך איבער אַלע שוועריקייטן און קומען אַרבעטן מיט די קינדער; זיי געבן גוטע ווערטער פֿאַר די קינדער און לייגן אַריין אין זיי די הייליגע תּורה און דערציילן זיי מעשיות פֿון צדיקים, זיי וועלן געבענטשט ווערן פֿונעם אייבערשטן מיט אַלע ברכות און ישועות.

## בריוון פֿון חינוך

פֿונעם ראש ישיבה שליט"א

### ווי אַזוי שטעלט מען אַוועק אַ סטאַנדאַרט וואָס צו קויפֿן?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

אַמאָל פֿלעג איך קויפֿן אויף שבת פֿרישע טשיקן פֿלייש פֿאַר טייער, ביז איך האָב געזען אַז איך האָב נישט קיין געלט, האָב איך אָנגעהויבן קויפֿן פֿאַרפֿרוירענע פֿליגעלעך, עס איז ביליג און עס האָט אַלע טעמים.

נאָך אַ דוגמא, אַמאָל פֿלעג איך קויפֿן טשאָקאָלאַד עס זאָל זיין צו נאַשן אַמאָל מיט אַ קאַווע, און דאָס גלייכן, ביז איך האָב געזען אַז איך האָב נישט קיין געלט, האָב איך אויפֿגעהערט, ועוד כהנה וכהנה, אַזוי האָב איך פֿאַרשטאַנען פֿון די שיעורים אַז אַזוי דאַרף מען זיך פֿירן. אַז אויב מען האָט נישט קויפֿט מען נישט, און עס איז מיר ברוך השם זייער געשמאַק, איך לעב אויף אַ פּשוט'ע סטאַנדאַרט און אין שטוב איז זייער געשמאַק, נישט קיין דחקות אָבער אויך נישט קיין פּזרנות.

מיין שאלה איז אויב מאַכט זיך יאָ אַמאָל אַז עס איז דאָ אַפּאָר שקל אין טאַש, עס איז דאָ אַביסל ריווח, און מען קען זיך יאָ פֿאַרגינען פֿרישע פֿלייש אויף שבת, אָדער טשאָקאָלאַד וכדומה, וואָס איז ריכטיג צו טון? זאָל מען קויפֿן מער און בעסער פֿון יעדע וואָך, אָדער אפֿשר איז יאָ כדאי אַוועקצושטעלן אַ סטאַנדאַרט אין שטוב וואָס אַזוי לעבט מען סיי ווען עס איז דאָ געלט און סיי ווען נישט.

איך האָף מיין שאלה איז גענוג קלאָר.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פּרשת בלק, י"ד תמוז, שנת תשפ"ה לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

דו ביסט אַ קלוגער מענטש אַז דו געבסט אַכטונג נישט צו אויסגעבן געלט פֿאַר נישט וויכטיגע זאַכן, דו לעבסט מיט אַ חשבון נישט אַריינצופֿאַלן אין חובות.

אויף דיין פֿראַגע וכו'; אויב מען האָט אַפּאָר איבעריגע שקל איז ריכטיג איינצוקויפֿן פֿיינע פֿלייש לכבוד שבת, דאָס וועט דיך רייך מאַכן. אַזוי ווי רבי חייא בר אַבא האָט דערציילט (שבת קיט.), אַמאָל בין איך געווען אין די שטאָט לודקיא און איך בין דאָרט איינגעשטאַנען ביי איינעם, האָב איך געזען אַז מען האָט אים אַריינגעברענגט אַ גאָלדענעם טיש, דער טיש איז געווען געמאַכט פֿון אַזויפֿיל גאָלד אַז זעכצן מענטשן האָבן דאָס געדאַרפֿט אויפֿהייבן; אינעם טיש זענען געווען זעכצן זילבערנע קייטלעך צוגעבינדן צו זיי טעלערס און גלעזער, אויפֿן טיש זענען געווען אַלע געשמאַקע עסן און טרינקען, און שמעקעדיגע בשׂמים, און ווען מען האָט אַריינגעברענגט דעם טיש האָט מען געזינגען דעם קאַפּיטל תּהלים (תּהלים כד, א): "לה' הארץ ומלואה וגו'" אַלעס אויף די וועלט איז דעם אייבערשטנ'ס, נאָכן עסן האָבן זיי געזינגען דעם קאַפּיטל תּהלים (תּהלים קטו, טז): "השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם"; איך האָב זיך זייער געוואונדערט, ווי קומט אַזאַ רייכקייט צו דעם איד? איך האָב אים געפֿרעגט: "וואָס פֿאַר אַ גוטע זאַך האָסטו געטון אַז דער אייבערשטער האָט דיר געגעבן אַזאַ רייכטום?" האָט ער מיר געזאָגט: "איך בין אַ קצב און ווען איך זע אַ שיינע בהמה לייג איך דאָס אַוועק פֿאַר מיר פֿאַר שבת", האָט אים רבי חייא געזאָגט: "אשריך שזכית", וואויל איז דיר אַז דו האָסט זוכה געווען צו דעם, "וברוך המקום שזכך לכך", און געלויבט איז דער אייבערשטער אַז ער האָט דיך מזכה געווען מיט דעם.

אַזוי אויך זאָלסטו קויפֿן פֿאַר דיין ווייב אַ גוטע טשאָקאָלאַד, פֿאַר דיר זאָלסטו זיין אויסגערעכנט נישט אויסצוגעבן קיין געלט און נישט אַריינגיין אין חובות, אָבער פֿאַר דיין ווייב זאָלסטו יאָ אַהיים ברענגען גוטע זאַכן. אַזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאָגן

(חוּלִין פד:): "מַאי דִּכְתִיב (תְּהִלִּים קיב, ה) 'טוֹב אִישׁ חוֹנֵן וּמַלְוֶה יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט', לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בַּמֶּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמָּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן פַאר זִיךְ צוּ עֶסְן, עֶר זָאל קוֹיפְן עֶסְן פַאר וֵוייניגֶער וִויפִיל עֶר הָאט, אָבֶער פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאל עֶר גֶעבְּן עֶסְן אוּן קְלֵיידֶער מֶער וִויפִיל עֶר הָאט.

גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין שְׁפָּארֶעדִיגֶע וֶועג, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיס גֶעלְט, אָבֶער פַאר דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ יָא גֶעבְּן. אַזוֹי וִוי רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל שְׁרַייבְּט (שַׁעַר הַמִּצְוֹת, פַּרְשַׁת עֵקֶב): "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוֹיפְט פַאר זִיךְ טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, אָבֶער פַאר זַיין וַוייבּ הָאט עֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ קוֹיפְן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, כְּדֵי זִי זָאל זַיין צוּפְרִידְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה, פרשת פנחס תשפ"ה)

## דַארְף מֶען אוֹיפְוֶועקְן דִי קִינְדֶער אִינְדֶערְפְרִי?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, פוּן דֶעסְט וֶועגְן לֶערְן אִיךְ יֶעדֶע וָואךְ דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אֲשִׁית עֵצוֹת בְּנַפְשִׁי, שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ, אוּן גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז זַייט מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן, שׁוֹין אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר, וָואס אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה אוּם פְרַייטָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן עֶטְלִיכֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה מִיטְ'ן בַּרְטְנוּרָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִינֶעם קוּנְטְרֵס אֲשִׁית עֵצוֹת בְּנַפְשִׁי פוּן פַּרְשַׁת אֱמוֹר אַז אַ טַאטֶע דַארְף אוֹיפְוֶועקְן דִי קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן הוֹיז וֶוען דָאס קִינְד שְׁלָאפְט נָאךְ; דָאס אִיז אָבֶער אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוּן גֶעהֶערְט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן בֵּין הַזְּמַנִּים, וֶוען אַ זֶעכְצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר אִיז אִינְדֶערְהֵיים, צִי דֶער טַאטֶע זָאל זַיין דֶער פָּאלִיצַיי מַאן פוּנֶעם בָּחוּר, אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן אִין צַייט צוּ קְרִיאַת שְׁמַע אוּן דַאוֶוענֶען, אָדֶער עֶר זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן אֵיינְמָאל אוּן פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער אִיז דִי אַחְרָיוּת אוֹיפְן בָּחוּר אַלֵיין, אוּן דִי שִׁיטָה פוּן יֶעדְן אִיז אַז אוֹיבּ וֶועט דֶער טַאטֶע שְׁטֵיין צוּפִיל אוֹיפְן קָאפּ פוּנֶעם בָּחוּר, וֶועט עֶר אִים מֶער דֶערְוַוייטֶערְן.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַנְדֶערְשׁ, אָדֶער רֶעדְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פוּן קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער וָואס מֶען קֶען נָאךְ גְרִינְגֶער מְחַנֵּךְ זַיין?

אִיךְ הָאף צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם, נִישְׁט אַ כְּלָלִיּוּת'דִיגֶע עֶנְטְפֶער אִיבֶּער דִי חֲשִׁיבוּת פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס וֵוייס אִיךְ שׁוֹין פַאר אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח' סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס וֶוענְדְט זִיךְ לוֹיט דִי לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן דֶער טַאטֶע מִיטְן קִינְד; אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט - מֶעג מֶען זָאגְן אוּן מֶען דַארְף זָאגְן אוּן מֶען פוֹעֶלְ'ט מִיטְן זָאגְן, אַז עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן טַאטֶע אוּן קִינְד - וֶועט דֶער טַאטֶע פוֹעֶלְ'ן, אִיז נִישְׁטָא לִיבְּשַׁאפְט אוּן נָאנְטְקֵייט - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן, וַוייל נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט אוֹיפְטוּן, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אוּן וִויכְטִיגֶע כְּלַל בַּיי עֶלְטֶערְן וָואס וִוילְן פוֹעֶלְ'ן בַּיי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן בַּיי מְחַנְּכִים וָואס וִוילְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי תַּלְמִידִים, אוּן אוֹיךְ בַּיי מַאן אוּן וַוייבּ; אַז מֶען וִויל עֶפֶּעס פוֹעֶלְ'ן, מֶען וִויל זָאגְן וְכוּ' - דַארְף זַיין לִיבְּשַׁאפְט אוּן נָאנְטְשַׁאפְט. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רַשִׁ"י פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, פָּסוּק א): "לְכָל דִּבְּרוֹת וּלְכָל אֲמִירוֹת וּלְכָל צִוּוּיִים קָדְמָה קְרִיאָה לְשׁוֹן חִבָּה, לָשׁוֹן שֶׁמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מִשְׁתַּמְּשִׁין בּוֹ", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט זָאגְן אַ מִצְוָה פַאר דִי אִידְן, הָאט עֶר קוֹדֶם גֶערוּפְן דִי אִידְן מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט, מִיט אַ וֶועג וִוי דִי מַלְאָכִים רֶעדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, אוּן נָאכְדֶעם גֶעזָאגְט וָואס מֶען דַארְף טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה, פרשת בהעלותך תשפ"ה)


### חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



### קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876